# Brenda Turtle's Kolel

**Jay Bee Brenda Turtle's Kolel**
February 5, 2017 at 2:41 PM · New York, NY, United States ·

לכבוד רעביצן פרימטשא לערנער תליט"א
שלום וברכה!

איך שרייב צו אייך איבער אן ענין וואס איך ווייס אז איר וועט נישט פארשטיין קיין איין ווארט וואס איך רעד, און איר וועט האלטען אז איך בין א שגץ, אבער איך קען מיך נישט איינהאלטן, עס ברענט אין מיר און איך מיז מיך אויסגעבען.

לאמיך אייך דערציילען וואס ס'גייט פאר, ביי יענקעל און לאה (אומ)גליק איז ליידער זייער ביטער, יענקל - א וואוילער אינגערמאן, א נהנה מיגיע כפו, האט א שיעור יעדן טאג, באמת א חשוב'ער אינגערמאן - איז ליידער אדורך געפאלן! ער האט נישט געקענט ביישטיין זיינע נסיונות און ער האט געטוהן אן עבירה מיט א פרעמדע פרוי! נאך ערגער, זיין ווייב לאה - א וואויל ערליך ווייבעל מיט אלע מעלות, א בעלת מידות, קליג, באטאמט, גוד לאקינג - איז געוואר געווארן! און יעצט איז דארט חושך ואפלה, לאה וויל אים איבער לאזען, און יענקל שרייט אז אמת ער איז אדורך געפאלן אבער פון היינט און ווייטער וועט ער שוין זיין וואויל.

יענקל איז מיין גוטע חבר און לאה איז מיין ווייב'ס חברטע, ממילא בין איך און מיין ווייב טיעף אריין געמישט צוריק צו שטעלן דאס אידישע שטוב, נאכן זיין פארנימען דערמיט אפאר וואכען בין איך געקומען צו די החלטה אז איר - יא איר רעביצן פרימטשא - זענט שולדיג!

וועט איר אודאי פרעגן, איך? איך בין שולדיג? איך ווייס אפילו נישט ווער יענקעל און לאה (אומ)גליק זענען! ווי אזוי קען איך זיין שולדיג אז יענקל האט זיך נישט געקענט איינהאלטן? איך גיי אנגעטוען צניעות'דיג, איך פיר מיך זייער איידל, ווי אזוי בין איך שולדיג?

א גוטע קשיא לכאורה, און וועל איך אייך טרייען צו פראענטפערן, (און דא הייבט זיך אן די part וואס איר וועט נישט פארשטיין) לאה האט פאר די חתונה געהייסן לאה איידליס, איר געדענקט איר? זי איז געווען א פיין חשוב מיידעל פון א פיינע משפחה, פאר איר חתונה האט איר טאטע - גאנץ א קנאפע פארדינער -ארויס גענומען אפאר שווער געהארעוועטע הונדערטערס און עס אייך געגעבען איר זאלט געבען פאר זיין טאכטער "כלה שיעורים", יעצט געדענקט איר שוין ווער לאה איז?
לאה האט ביי אייך געדארפט לערנען ווי אזוי מ'דארף אויף שטעלן א אידישע שטוב, דערווייל אבער האבן אייערע שיעורים אונטערגעברענגט איר שטוב!

יענקל איז א מאן, און א מאן דארף די הייליגע מצוה! פשוטו כמשמעו, ביי לאה אין די אויגען איז ער א pig, פארוואס? ווייל איר האט געלערענט אז די הייליגע מצוה האט מען צוויי מאל א וואך, דינסטאג און שבת, און יענקל וויל אסאך מער פון דעם, און ער באקומט עס נישט פון זיין ווייב!

פרימטשא טייערע, אפשר קענט איר מיר געבען צו פארשטיין פארוואס איר לערענט דאס מיט כלות? דאס איז זאכען וואס ס'איז געזאגט געווארן פאר צדיקים וקדושים, נישט פאר ערליכע אינגעלייט וואס ארבעטען א גאנצען טאג און מאנהעטען און זעהן זיך אן מיט שיינע נקיבות א גאנצען טאג! וואס זאל א אינגערמאן טוען ווען ער איז א גאנצען טאג ארום גענומען מיט הערליכע נקיבות און ער ווערט הייס? און א נערמאלע וועלט וואלט ער אהיים געקומען צו זיין ווייב און זיך אויס געגעבן, אבער לאה שרייט ניין! ס'איז מיטוואך היינט, דארפסט ווארטען נאך צוויי טעג! ומה יעשה הבן שלא יחטא???

בכלל, ווי קומט דאס געלערנט צו ווערען מיט מיידלעך? פארוואס לערנט איר נישט מיט זיי הלכות תפילין? זייט ווען איז דאס נוגע פאר פרויען? דאס איז א ענין פאר מענער, א מאן וואס קען איז א מידות חסידות/חומרא/ענין אזוי צוטוען, דאס דארף מען לערנען מיט מענער (אויב מיט זיי יא אין די היינטיגע וועלט, אבער לאמיר זאגען אז יא) א מאן פארשטייט די חילוק פון א ענין א חסידות צו אן עבירה און א איסור כרת, משא"כ ביי רוב פרויען איז אלעס די זעלבע, א חומרא אדער א כרת ביידע טאר מען נישט קיינמאל, א מאן אויב ער קען וועט ער איינהאלטן חומרות זה בכה וזה בכה יעדער האט זיך זיינע ענינים וואס ס'איז פאר אים געאייניגט, און אויב א מאן קען נישט איינהאלטן די חומרא פון צוויי מאל א וואך (וואס איך האלט אז היינט "טאר מען נישט" איינהאלטן די חומרא) האט ער אלע רעכטן (און ער איז מחויב) דאס נישט איינצוהאלטן!

יעצט אבער, די כלה טיטשער האט דאך געזאגט אז מען טאר נישט! דאס ווייב וויל נישט ברענען אין גהינום, אפשר זאגט איר מיר וואס אזא מאן זאל טוען?

פאר רוב מענער איז די הייליגע מצוה צווי מאל א וואך נישט גענוג, 4-5 מאל א חודש איז א געלעכטער, יא, א מאן דארף אסאך מער פון דעם, און ער האט אלע רעכטן עס צו באקומען!

איי וועט איר מיר זאגען פאר מיין מאן איז עס גענוג, פארוואס קען נישט יענקל זיין אזוי ווי אים? זאלט איר וויסען, אדער איז אייער מאן א צדיק גמור א פרוש א קדוש, אדער זענט איר א רשע'נטע אז איר געט נישט פאר אייער מאן וואס קומט זיך אים ערליך!

לאמיר גיין אביסעל ווייטער וואס פארא חורבן איר מאכט, יענקל טענה'ט אז די הייליגע מצוה מיט זיין ווייב איז בארינג, נישט ער enjoyed און נישט זי, זי קוקט אן דאס גאנצע זאך פון די הייליגע מצוה ווי א גויאישע זאך, איר האט איר קיינמאל נישט געלערנט אז די הייליגע מצוה איז א גוטע זאך, די הייליגע מצוה ביי איר איז א זאך וואס מ'מיז "ליידער" טוען, ווי אזוי האט איר געזאגט ביי דעם שיעור? "מ'דארף אמאל טוען זאכען וואס מ'פארשטייט נישט!" איר הערט ווערטער??? אנשטאט מסביר זיין אז די הייליגע מצוה איז א זאך וואס דער אייבישטער

האט געמאכט אז מאן און ווייב זאלען זיך ליעב האבן, ס'זאל בויען א קשר צווישען זיי, ס'זאל ברענגען שלום בית, איז עס א זאך וואס איז גויאיש און מ'פארשטייט נישט! איך האלט באמת אז איר האט טענות אויפן רבוש"ע פארוואס ער האט באשאפן אזא מין עקעלדיגע זאך פון די הייליגע מצוה! ווען איר זענט ג-ט וואלט איר עס נישט געמאכט! נאך א מזל איר זענט נישט ג-ט...

איר האט מסביר געווען פאר לאה אז מ'דארף מתפלל זיין פאר מ'טוט די הייליגע מצוה אז מ'זאל האבען גוטע קינדער, אמת ס'איז דא אזא "ענין", אבער וואס זאל יענקל טוען אז א האלבע שעה פאר ער טוט די הייליגע מצוה נעמט זיך זיין ווייב זאגען אלע תפילות זי ווייגט ווי א ערליכע ווייבל, אבער וויפעל חשק קען מען האבען צו די הייליגע מצוה נאכדעם? פארשטייט זיך אז זי פארלאנגט אז יענקל זאל אויך אזוי מתפלל זיין, איר האט דאך געזאגט אז ס'איז א בחינה פון זה עומד בזוית זו וזו עומדות בזוית זו, אבער יענקל קען נישט, ער איז יעצט הייס, ער דארף די הייליגע מצוה, ער האט יעצט נישט קיין געדולד מתפלל צו זיין, ער דאווענט דריי מאל א טאג און דעמאלס איז ער מתפלל, אבער דאס ווייב פארלאנגט, שטייט יענקל מיט א זאגער און זאגט זאכן וואס ער האלט נישט דערביי כדי זוכה צו זיין צו האבען די הייליגע מצוה! וואס פארא טעם האט דאס נאכדעם? ומה יעשה הבן שלא יחטא???

לאמיר גיין ווייטער, לאה טוט זיך אויס אונטער די דאכענע און געט אכט אז ס'זאל נישט זיין אפאן קיין איין אבר, נישט אזוי האט איר געזאגט? ס'איז געווען א צדיקות וואס האט געהאט גוטע קינדער ווייל די ווענט פון איר שטוב האבען קיינמאל נישט געזעהן איר בשר! what a turn on for a man!

אפשר פארציילט איר מיר אין וועלכע תורה דאס שטייט? ווי אין שו"ע ווערט עס געברענגט? סך הכל זאגט די גמרא אז רבי אליעזר היה מגלה טפח ומכסה טפח כדי זי זאל זיין צוגעדעקט, יעצט זייט מיר מסביר איז יענקל אזוי הייליג ווי רבי אליעזר אז איר האט געהאט די רעכטן אזוי צו פארלאנגן פון זיין לאה?
ווערט האט אייך געגעבן רשות איר איינצוטיילן וויאזוי זיך צו פירן אין איר פריוואטע לעבן? און אויב איר קענט שוין יא א שטיקל שו"ע, דאן פארוואס האט איר נישט פארציילט פאר לאה אז די שו"ע פירט דארט אויס 'ובעל נפש יזהר' אז איינער וואס קען און ער איז א געהויבענע איד זאל זיך אזוי פירן? פארוואס דרייט איר איר א קאפ אז "יעדער" "מוז" זיך אזוי פירן?

לאה האט איין וועג פון טוהן די הייליגע מצוה, זי האלט נישט ביים זיין א גויטע און טוען זאכען וואס מ'טאר נישט, און די כלה טיטשער האט געזאגט אז די מאן קומט אויבן thats it and thats all, יענקל אבער וויל טרייען אנדערע זאכן, אבער ניין, די כלה טיטשער לאזט נישט.

קענט איר מיר אפשר זאגען פארוואס איר לערנט נישט מיט די כלות דעם רמב"ם אז א מאן מעג טוען מיט זיין ווייב מה שלבו חפץ? און אידיש מיינט דאס "וואס זיין הארץ באגערט", אלעס, יא!

ווען זענט איר געווארן אזא ת"ח צו פסק'נן אזאנע שאלות? פארוואס ווייסט איר נישט אז אסאך זענען מחולק מיט דעם? צו ווייסט איר נישט אז מיר פסק'ן אז נאר פארן ווארטן איז מען אויף דעם מקפיד און אסאך האלטן אז ניטאמאל דעמאלס?

איך ווייס, ס'איז דא וואס האלטען אז מ'טאר נישט, אבער יענקל וויל נישט האלטען דעם חומרא, און ער איז נישט מחויב, חומרות קען מען זיך וועלען וואס מ'וויל, פארשטייט זיך יענקל באקומט נישט וואס ער וויל, ומה יעשה הבן שלא יחטא???

לאה האט ביי אייך געלערענט אז מ'דארף טראכטן האבען בשעת מעשה פון צדיקים וקדושים, איך ווייס אז ס'שטייט, אבער קענט איר מיר אפשר זאגען ווי אזוי מ'זאגט אזא זאך פאר א פשוטע תמימות'דיגע פרוי וואס נעמט אלעס אן בכל חומר? ווי אזוי קען זי הנאה האבען פון די הייליגע מצוה אזוי? ווי אזוי קען איר מאן הנאה האבען ווען ער ליגט מיט א פרוי וואס טראכט פון צדיקים? מיין ווייב טראכט בשעת מעשה פון איין צדיק, פון מיר! ווי אזוי זי קען מיך מאכען הנאה האבען מער, און איך טראכט פון איין צדיקות, פון מיין ווייב, אבער לאה טראכט פון גאר אנדערע זאכען! ומה יעשה הבן שלא יחטא???

מ'דערציילט אויף איינע פון די צדיקים אז ער האט זייער מיקל געווען יוהכ"פ פאר מענטשען וואס האבען זיך נישט גוט געשפירט און זיי געלאזט אויס פאסטען, ווען מ'האט אים געפרעגט היתכן ער איז אזוי מיקל האט ער געענטפערט איך בין נישט מיקל, איך בין מחמיר און די מצוה פון ונשמרתם מאוד לנפשותיכם!

ניין, איר זענט נישט מחמיר, איר זענט מיקל אונעם איסור פון לא תנאף!

איך וויל מיט אייך לערנען א שטיקל שו"ע בחברותא: די הייליגע שו"ע אין אבם העזר זאגט: ויכול לעשות עם אשתו כל מה שירצה, בועל בכל עת שירצה, ומנשק בכל אבר שירצה, בא אליה בין כדרכה ובין שלא כדרכה.

אה איר קענט נישט קיין לשון קודש? העל איך אייך עס מסביר זיין אויף אידיש: א מענטש מעג טוהן מיט זיין ווייב וואס ער וויל, און וועלכע צייט ער וויל, ער מעג קישן יעדער אבר פון איר, און ער מעג איר בועל זיין אויף יעדער סארט אופן!!!
און אזוי פסקנט טאקע דער הייליגער רמ"א אויף וועם מיר פארלאזן זיך אויף אלע אונזערע הלכות!

איר הערט קלארע ווערטער פון שו"ע אדער איר זענט טויב???

ווייטער זאגט דער שו"ע אפי מען מעג די אלע אויבענדערמאנטע התירים איז ווער עס הייליגט זיך מיט די זאכן וואס מען מעג דער איז הייליג. זאגן אויף דעם די ספרים הקדושיםפשט אז ווער עס וויל זיך הייליגן זאל טוהן אלעס וואס מען מעג און נעשט מחמיר זיין!
און וואס לערענט אער מיט אונזערע קיהדער? איר קריגט זיך מעטן הייליגן שו"ע ? איר קריגט זיך מיט אלע מדיקים וקדושים?

לאמיך אייך דערציילען אביסעל ווי אזוי ס'גייט ביי מיר, איך בין א אינגערמאן וואס מ'רופט אן עוורעטש און אפשר אביסעל וויניגער פון עווריטש, ווען איר הערט אז איינער האט מזנה געווען וואלט איר געטראכט אז ס'איז איך און נישט יענקל, יענקל איז אסאך ערליכער פון מיר, אבער ניין, איך האב נאך קיינמאל נישט געהאט צו טוען מיט א צווייטען, און יא, כ'האב שוין געהאט די אפערטאניטי!

פארוואס טאקע?
אלעס איז צו פארדאנקען מיין טייערע ווייב שיינדי תחי'

איר געדעקט שיינדי'ן, ניין? זי האט אויך געלערענט ביי אייך, אבער שיינדי - sorry to disappoint you - האט ארויס געווארפאן אלעס וואס איר האט מיט איר געלערענט

שיינדי מאכט זיכער אז איך בין העפי, אונז האמיר די הייליגע מצוה כמעט יעדע נאכט!
אונז שלאף מיר צוזאמען זייער אסאך, (מיר האבען ליידער ליידער גרעסערע בעטן ווי די 42 inch וואס איר לאזט) איך ווייס איר האט געלערנט אז מ'טאר נישט, אפשר קענט איר מיר זאגען ווי עס שטייט? פארוואס טאר מען נישט? אה איך ווייס, שלאפען צוזאמען קען חלילה וחס צוברענגען אז מ'זאל האבען די הייליגע מצוה א גרינעם מיטוואך נאכט! ליידער האט עס שוין פאסירט ביי אונז..., איר ווייסט אבער וואס פארא נאנטשאפט עס ברעגט ווען מען שלאפט אינאיינעם? איר וועט און אייער לעבן קיינמאל נישט פארשטיין וואס פארא אהבה ס'ברענגט ווען מ'וועקט זיך אויף און מיטען דערנאכט און מ'האלט און מיטען האבען די הייליגע מצוה וועןביידע געדענקען ניטאמאל ווי אזוי ס'האט זיך אנגעהויבן, איר ווייסט וואס ס'מיינט צו באקומען 4 אזייגער אין מיטען שלאף פונעם ווייב א קיש מיט אן i love you סתם אזוי? און איר ווילט נאך פארשטיין ווי אזוי איך פאל נישט דורערך?

ביי שיינדי איז נישט דא אזא זאך אז איך זאל אוועק גיין פון שטוב אוון נישט באקומען א האג און א קיש און מיר זאגען i'll miss you, איך ווייס, איר האט געזאגט אז מ'טאר זיך נישט קושען סתם אזוי, א שיינע חומרא, אבער צו ווייסט איר אז אין שלחן ערוך שטייט אז ביום הוסת מעג מען האבען חיבוק ונישוק? חיבוק ונישוק איז טייטש האגען און קישען, יא, אזוי שטייט אין שולחן ערוך, פארוועם מיינט איר אז ס'שטייט דארט? פאר גוים? איך ווייס, ס'איז דא א ענין מ'זאל נישט, אבער איר וויסט וואס ס'מיינט פאר מיר? איך ווייס איך האב א וויבעלע וואס האט מיך ליעב, וואס ווארט שוין קוים איך זאל אהיים קומען, וואס פייגערט פאר מיר, און איר ווילט נאך פארשטיין ווי אזוי איך פאל נישט א דורערך?

איבערן טאג שיקט מיר שיינדי - און איך שיק איר - שיינע texts און emails, ווי שטארק זי האט מיך ליעב וכו', אמאל א שיינע פיקטשער, איך ווייס אז איר האט געזאגט אז מ'טאר נישט רעדן ניוול פה מיט די אפילו מיט די מאן, אבער קענט איר זיך פארשטעלן וואס ס'מיינט פאר מיר אין מיטען א שווערע טאג ארבעט צי באקומען א text פון מיין ווייב אז זי קען קוים ווארטען איך זאל אהיים קומען? איר ווייסט וואס ס'מיינט פאר מיר ווען מיין ווייב קאלט מיך אן אינמיטען דילען מיט א שווערע קאסטומער און זי זאגט מיר אז זי איז הייס פאר מיר? און איר ווילט נאך פארשטיין ווי אזוי איך פאל נישט דורערך?

ווען איך קום אהיים ווארט מיך שיינדי אפ אנגעטוען שיין,און שמעקעדיג, מיט א מעכטיגען האג און קיש, וואס אסאך מאל ענדיגט זיך עס מיט א הייסע הייליגע מצוה (יעצט פארשטיי איך שוין פארוואס מ'טאר זיך נישט קישען סתם אזוי...) יא איך ווייס, זומער איז נאך ליכטיג ווען איך קום אהיים און איר האט געזאגט אז מ'טאר נישט האבען קיין הייליגע מצוה בייטאג, (פון ווי איך ווייס? ווייל יענקל זאגט אז ווען איין דינסטאג האבען זיי נישט געהאט קיין הייליגע מצוה ביינאכט משום איזה סיבה, און ער האט געוואלט האבן די הייליגע מצוה מיט זיין ווייב צופרי, האט זי געטענה'ט אז איר האט געזאגט אז מען טאר נישט, נעבעך יענקל, יענע וואך האט ער געהאט נאר איינמאל די הייליגע מצוה) אבער און שולחן ערוך שטייט תלמיד חכם מאפיל בטליתו, ס'איז דא אן עצה דערצו! פארוואס האט איר עס נישט אויס געזאגט פאר לאה??? בכלל יענקל איז נישט קיין תלמיד חכם, סא ווי שטייט אז ער טאר נישט אפילו אפנער הייט? נאך מער יעדער וואס לערנט אביסעל ווייסט אז ס'איז בטל געווארן דין תלמיד חכם! און אפילו ווען נישט, שטייט עפעס תלמידות חכמת? ס'איז אן הלכה פארן מאן נישט פארן פרוי און פונקט ווי איר לערענט נישט מיט די כלות קיין הלכות תפילין אזוי דארפט איר נישט לערנען הלכות די הייליגע מצוה בייטאג!

קענט איר מיר מסביר זיין פארוואס איר לערנט נישט מיט די כלות זיך אנטוען שמעקעדיג פאר די מאן? - איך גיי נישט יעצט אריין און הלכות צניעות אויפן גאס - אבער און שטוב? א מאן זיצט מיט שיינע באפוצטע פרויען יעדען טאג אנגעטוען הערליך און ער קומט אהיים צו א פרוי מיט א דאסטער און טארבאן, וואס ווילט איר פון אים נאך האבען? ווי אזוי קען ער נישט דורך פאלען? לערענט מיט אייערע כלות זיך צו קויפן שיינע אום צניעות'דיגע קליידער פארן מאן, א יעדע פרוי נישט קיין חילוק צי זי גייט אויפן גאס מיט א שפיצעל, פראנט, שייטעל העט וכו' זאל זיך קויפן א שיינע שייטל פארן מאן, דאס דארף זיין אייער שיעור, נישט אז מ'דארף זיין צניעות'דיג אפילו און שטוב, שיינדי פירט זיך טאקע אזוי, און איר מעגט וויסען, איך ווארט שוין קוים יעדען טאג אהיים צוקומען! איך ווייס אסאך פון מיינע חבירים קענען ענדערש ביישטיין צי בלייבען און די ארבעט און נישט אהיים גיין צי זייער פארשלאכעטע ווייבער וואס ווייסען נישט בעסער, אבער איך קען קוים ווארטן אהיים צוגיין, און ס'מאכט זיך טעג וואס איך לאז אלעס איבער אין איך גיי אהיים פריער פון די ארבעט סתם ווייל איך וויל שוין אהיים גיין, און איר ווילט נאך פארשטיין ווי אזוי איך פאל נישט דורערך?

שיינדי און איך גייען ארויס לכה"פ איין מאל א וואך, אמת, איר האט געזאגט א גאנצען שיעור איבער אשרי יושבי ביתך, א ערליכע קאפל גייט נישט ארויס סתם אזוי וכו', איך רעד נישט דא צוגיין און טיאטער (וואס אסאך מענער גייען אליין ווייל זייערע ווייבער ווילען נישט מיט גיין) אבער פארוואס נישט גיין צו א כשר'ן רעסטערא‌נט מיט א גוטע הכשר? גיין שפילען באילינג? וכו'? וואס איז די איסור? ארויס גיין אינאיינעם ברענגט נאנטשאפט! פארוואס? איך ווייס נישט, אבער אזוי איז עס! אונז גיי מיר ארויס at least איין מאל א וואך, און ווען מען קומט אהיים גייט א רויעך (אפשר וועגען דעם טאר מען נישט ארויסגיין מ'קען צוקומען צי האבען די הייליגע מצוה א פלעינע מאנטאג, אבער איר קענט מאכן א תקנה אז מ'מעג נאר ארויס גיין דינסטאג...) און איר ווילט נאך פארשטיין ווי אזוי איך פאל נישט דורערך?
שיינדי און איך גייען וויקעשאן פון צייט צו צייט, ס'מיז נישט זיין פלארידע, אמאל מער לאקעל אמאל ווייטער, איך ווייס אז איר לאזט נישט, אשרי יושבי ביתך וכו', אבער איר וועט קיינמאל נישט פארשטיין וואס פארא נאנטשאפט ס'ברענגט אוועק צי גיין פאר צוויי טעג מאן און ווייב אן קיינעם, אן אלע יעדע טאגעדיגע דאגות, just me andher, מ'פארברעגט א גאנצען טאג אינאיינעם, מ'שמיסט, מ'שפילט, מ'גייט שאפינג, און יא, מ'האט די הייליגע מצוה, און מ'קומט אהיים אויס גערוהט מיט א שטערקערן קשר! און איר ווילט נאך פארשטיין ווי אזוי איך פאל נישט דורערך?

שיינדי וויל נישט נעמען ניין פאר אן ענטפער! זי פארלאנגט די הייליגע מצוה כמעט יעדען טאג, אבער נאך ווי, יעדע מין וועג, יעדע פאנטאזיע, אלעס! יא אויך "אלע" זאכען וואס איר לאזט נישט, און איך קען נישט זאגען ניין!

אוי איז שיינדי א קליגע פרוי, יא, זי האט זייער ליעב די הייליגע מצוה, - א יעדע פרוי האט ליעב ווען דער מאן ווייסט וואס צו טוען, און די פרוי פארגעסט אלע שטותים וואס איר האט געלערענט - אבער מער פון אלעס מאכט זי אז איך זאל נישט אדוירך פאלן!

פאר צוויי זאכען
איינס, נאך א נאכט פון א געלונגענע מצוה וועט קיין שום נארמאלער מענטש נישט גיין זונדיגען, ער איז סעטספייט, ער האט באקומען וואס ער דארף, ער האט עס בדרך היתר פארוואס גיין זיכען בדרך איסור? שיינדי וועט אסאך מאל מיך מאכן קומען 2-3 מאל א נאכט, נא? מיינט איר אז איך האב נאך כח דעם נעקסטען טאג צי גיין מיט א צווייטען?
צווייטענס, ווען איך זעה וואס פארא אשת חיל איך האב, און ווען איך פיעל אזא הכרת הטוב צו איר, און ווען איך האב איר ליעב מער פון אלעס, "קען" איך נישט גיין מיט א צווייטען, אפילו ווען איך וויל! ניין, איך קען נישט!

אויף איר זאגט די גמרא נשים במאי קא זכיין וכו' שמצילות את בעליהן מן החטא!
"די" גמרא דארפט איר לערנען מיט די כלות, און נישט סתם לערנען, לערנט עס שיעור עיון!

איך ווייס אז איך האב זייער שטארק מאריך געווען, אבער יענקל און לאה'ס פרשה ברענט אין מיר, ס'ברענט אין מיר מיינע אנדערע חברים וואס טוען וואס מ'דארף נישט (און זייערע ווייבער ווייסען - דערוייל - נאכנישט) חשובע אינגעלייט, באמת חשובע, אבער ליידער ליידער פאלן זיי דורעך ווייל זיי האבען ווייבער וואס איר - און אייער גלייכען - האט זיי געלערנעט, און איר מעגט וויסען, די אינגעלייט וויינען! זיי וויסען אז זיי זענען ראנג, אבער זיי קענען זיך נישט העלפען, אסאך פון זיי ווענדען זיך צו מיר פאר העלפ, אבער וואס קען איך זיי זאגען? האב נישט קיין הייליגע מצוה? זיי זענען מענער און זיי דארפן דאס ווי לופט צום אטעמען, איך טריי זיי טאקע מסביר צו זיין אז ס'איז נישט קיין תירוץ - און ס'איז באמת נישט קיין תירוץ, א מענטש דארף זיך קענען איינהאלטען, א מענטש איז נישט קיין בהמה - אבער וויפעל העלפט עס? וועגען דעם קום איך צו אייך, די שורש פון דעם פראבלעם, ביטע! הערט דעם ווי געשריי פון די אלע חשובע אינגעלייט - און זייערע חשובע ווייבער - מאכט א סטאפ צו די אלע משוגעת'ן און הייבט אן צו לערנען נארמאלע זאכען מיט די כלות!

איך פארשטיי, איר וועט פרעגן מי אתה? ווער ביסטו אריין צו רעדן און אזאלעכע האקעלע ענינים? אמת, איך בין נישט קיין רב אדער דיין, אבער איך האב עס דורעך געשמיסט מיט א חשובע רב, און ער האט מיר געזאגט אז רבנים ווייסען פון דעם פראבלעם, או זיי האבען שוין אסאך מאל גערעדט צווישען זיך איבער דעם, און זיי האלטען אז מדארף עפעס טוען דערצו, אבער ליידער איז דא אפאר אזוי גערופענע עסקנים וואס האלטען אז זיי זענען בעה"ב אויף כלל ישראל, און ווער ס'גייט נישט און שפאן ווערט אטאמאטיש א שגץ, ממילא האבען אלע רבנים מורא צו טוען עפעס! אבער נאכאמאל א יעדע נארמאלער רב וואס ווייסט וואס ס'גייט פאר האלט אזוי! אדרבה גייט פרעגט!

לאמיך ענדיגען אזוי ווי איך האב אנגעהויבען, איך ווייס איר פארשטייט נישט קיין איין ווארט וואס איך רעד, אבער איך האב געטוען מיין השתדלות, זאל דער אייבישטער אייך געבען שכל און איר זאלט אייך כאפען וואס איר טוט.
הצלחה
משה

נ"ב, איך און מיין ווייב ארבעטען זייער שווער מיט לאה'ן איר מסביר צו זיין וואס איך האב דא געשריבן, זי הייבט שוין אן אביסעל צו פארשטיין, - ניין זי איז נאכנישט גרייט מוחל צו זיין יענקל'ען, און מיט רעכט, זייער שלום בית וועט שוין לכאורה קיינמאל נישט זיין מורא'דיג, די ארבעט איז נאר אז זיי זאלען קענען עכ"פ לעבען צו זאמען - אזוי ווי איר זענט א גוטע בעל הסבר'טע, בעט איך אייך, אויב איר פארשטייט יא וואס איך האב געשריבען, ביטע, העלפט מיר ארויס און זייט עס אויך מסביר פאר איר!
יישר כח
הנ"ל

Like Share

To request to participate, update your app or use the new Facebook on a computer.

17 All Comments

8 Shares

**Yehuda Kassin**
It's not leahs fault that your friend can't warm up her motor . Women are much more then a jerking off mashine for guys ,so they should separate and look for someone like themselves

5 yrs Like More

**Jay Bee**

Listen you really think I wrote this whole shit ?? You think I don't have better to do it my f****** time it's just too cute post I copy and paste it that's it

2

5 yrs Like More

**Yitzi Fried**

אוי ביסטו גערעכט

2

5 yrs Like More

**Yehuda Kassin**

I wasn't talking specially to you but to all those that think that way . Poor loosers

5 yrs Like More